בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת תרומה
שנת תשפ"ו

גליון
קמ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - דַאוֶונֶען מִיט דִי קִינְדֶער -

#### זִיךְ פָּארְגְרֵייטְן אֵיידֶער מֶען קוּמְט אִין חֵדֶר

אַ מְלַמֵד קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּמְפָּארְגֶעגְרֵייט וָואס עֶר גֵייט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער. שַׁבָּת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת דַארְף מֶען שׁוֹין טְרַאכְטְן פוּן וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיסֶער דִי לִימוּדִים וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען מִיט זֵיי; וָואס מֶען גֵייט זֵיי דֶערְצֵיילְן זוּנְטָאג, מָאנְטָאג, דִינְסְטָאג אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן וֶוען מֶען גֵייט רֶעדְן צוּ זֵיי אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג פוּן קְדוּשָּׁה אוּן פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ'.

יֶעדְן טָאג אֵיידֶער אִיךְ גֶעבּ אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת פַאר דִי בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, גְרֵייט אִיךְ זִיךְ פָּאר פוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל רֶעדְן; וֶוען אִיךְ גֶעבּ אַ שַׁארְפֶע פֵייעֶרְדִיגֶע דְרָשָׁה פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכַדוֹמֶה, אִיז עֶס נִישְׁט צוּפֶעלִיג אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם אוֹפָן, נָאר דָאס אִיז גֶעוֶוען פָארְאוֹיס אָנְגֶעגְרֵייט אוּן אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ דַארְף רֶעדְן אוֹיף דֶעם אוֹפָן וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן אוּן אִיךְ דַארְף גֶעבְּן אַ שָׁאקְל אוֹיף דִי בָּחוּרִים. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז לְגַבֵּי דִי גַאנְצֶע צוּגַאנְג צוּ דִי בָּחוּרִים אִיז פָּארְאוֹיס אָנְגֶעגְרֵייט וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אוּמְגֵיין אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג, וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אוּמְגֵיין מֶער גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוען אִיךְ זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי בָּחוּרִים.

#### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיפְלֶעבְּן דָאס דַאוֶוענֶען?

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס פְּרֶעגְן: **"וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען אוּן זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען לֶעבֶּעדִיג אוֹיפְן קוֹל?"**

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען זָאל יֶעדְן טָאג פַאְרן דַאוֶוענֶען אַוֶועקְגֶעבְּן צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען.

מֶען קֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר דוּ וָואלְסְט בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אָפְּצוּהַאלְטְן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע בַּאגֶעגֶענִישׁ מִיטְן פְּרֶעזִידֶענְט יָרוּם הוֹדוֹ, אוּן עֶר וָואלְט דִיר גֶעגֶעבְּן אַפָּאר מִינוּט וָואס דוּ קֶענְסְט אִים בֶּעטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט, וָואלְסְטוּ אִים זִיכֶער גֶעבֶּעטְן אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ וִוילְסְט, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט קֶען עֶנְק גָארְנִישְׁט גֶעבְּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן, אִיז לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר דַארְפְן".**

אוֹיךְ קֶען מֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זֶענֶען אוּנְז מְקַנֵא מִיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה אַז מִיר קֶענֶען לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מִיר וִוילְן. עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס קֶענֶען לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ, אֵיין מָאל אַ יָאר, אֵיין מָאל אִין זִיבְּן יָאר, אֵיין מָאל אִין פוּפְצִיג יָאר, אָדֶער אֵיין מָאל בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן (עַיֵּין חוּלִין צא:)".**

אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דֶער מְלַמֵד אוּן דִי לֶערֶערִין זָאלְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, וַוייל ווִילַאנְג קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַ גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען.

בְּמֶשֶׁךְ דִי ווִינְטֶער וָואכְן זֶענֶען דָא בְּעֶרֶךְ אַכְצְן גַאנְצֶע וָואכְן וָואס וֶוערְן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעהַאקְט מִיט יָמִים טוֹבִים וְכַדוֹמֶה, קֶען מֶען מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם אוֹיסְצוּלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי טַייטְשׁ פוּן אֵיין בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה. מֶען קֶען עֶס אוֹיסְלֶערְנֶען פָּשׁוּט דִי וֶוערְטֶער מִיט דִי טַייטְשׁ, אָדֶער מִיט אַ נִיגוּן.

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן דִי פֶערְטֶע אוּן פִיפְטֶע בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: **"אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת"** - דוּ בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּסְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, **"וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה"** - אוּן דוּ לֶערְנְסְט אִים פַארְשְׁטַאנְד, **"חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת"** - הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר חָכְמָה בִּינָה אוּן דַעַת, **"בָּרוּךְ אַתָּה ה' חוֹנֵן הַדָּעַת"** - שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד.

**"הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ"** - הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, **"וְקָרְבֵנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ"** - הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען, **"וְהַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ"** - הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, **"בָּרוּךְ אַתָּה ה', הָרוֹצֶה בִּתְשׁוּבָה"** - שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס דוּ נֶעמְסְט אָן תְּשׁוּבָה.

מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, פוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פַאר אַפָּאר מִינוּט אִיבֶּער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי טַייטְשׁ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, וֶועלְן דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען אוּן זֵיי וֶועלְן דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

#### אָנְפַאנְג טָאג אִיז יֶעדֶע מִינוּט זֵייעֶר טֵייעֶר

קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר שָׁעָה פוּן טָאג - פוּן נַיין

## המשך שיעוּרים אין חינוּך

פוּנֶעם רֹאש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַזֵייגֶער בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער; מִיט אֵיין קְלֵיינֶע הַפְסָקָה פוּן פוּפְצְן מִינוּט - פוּן עֶלְף אַזֵייגֶער בִּיז פוּפְצְן מִינוּט נָאךְ עֶלְף. נָאךְ אֵיינְס אַזֵייגֶער קֶען מֶען מַאכְן אַ לֶענְגֶערֶע הַפְסָקָה - בִּיז אַ שָׁעָה.

דֶער אָנְהֵייבּ טָאג, פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער, אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר; יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען אִיז דֶעמָאלְט מְבַטֵל פוּן דִי קִינְדֶער - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אַוֶועק אַ מִינוּט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן. ווִידֶער דִי נָאכְמִיטָאג שָׁעוֹת זֶענֶען גֶעמַאכְט בְּלוֹיז צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, יָארְן צוּרִיק אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז אַ אִינְגְל זָאל לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר, אֵיינְס אַזֵייגֶער הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט חֵדֶר.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מְלַמֵד אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דֶער שְׁמוּעֶס פַארְן דַאוֶוענֶען אִיבֶּער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען מֶער פוּן צְוֵוי דְרֵיי מִינוּט אוֹיפְן זֵייגֶער. אוּן דֶער לִימוּד פוּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת זָאל מֶען בַּאשְׁטִימֶען אוֹיף נָאכְמִיטָאג וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעהֶערִיג לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ לְגַבֵּי פְרִישְׁטָאג; צוּפְרִי אִיז נִישְׁטָא קֵיין צַייט צוּ פַּרַאוֶוען לַאנְגֶע פְרִישְׁטָאגְס אוּן לַאנְגֶע הַפְסָקוֹת. בַּיי פְרִישְׁטָאג זָאל מֶען גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער בְּלוֹיז אַ קְלֵיינִיקֵייט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, סִירְיֶעל, אַ פְרוּכְט, אָדֶער יָאגוּרְט, אוּן נַיין אַזֵייגֶער דַארְף שׁוֹין דֶער מְלַמֵד זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין כִּתָּה אוּן אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג.

נָאכְמִיטָאג זָאל מֶען גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ עֶסְן בְּרוֹיט, אוּן מֶען זָאל דֶערְבַּיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער הִלְכוֹת סְעוּדָה: וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אַז מֶען דַארְף אַיינְטִינְקֶען דִי בְּרוֹיט אִין זַאלְץ, אוּן צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָזוֹן פוּן אִינֶעוֵוייניג.

### אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ - דַארְף מֶען פַארְמַאכְן דִי כִּתָּה

אָנְהֵייבּ טָאג דַארְף הֶערְשְׁן זֵייעֶר אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר אִין כִּתָּה. אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ רוֹב טָאג אוּן זֵיי קֶענֶען נָאכְנִישְׁט אַיינְזִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ אַ לַאנְגֶע צַייט, דַארְף דֶער מְלַמֵד פַארְלַאנְגֶען פוּן זֵיי אָנְהֵייבּ טָאג אַז זֵיי זָאלְן זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ כָאטְשׁ פַאר צֶען מִינוּט אִין אַ צִי.

אַ כִּתָּה וואוּ דֶער מְלַמֵד אָדֶער דִי לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁטֶעלְן קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, - דַארְף מֶען פַארְמַאכְן דִי כִּתָּה.

עֶס הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעמַאכְט אַז מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ אָפְּטֵיילוּנְג פוּן אַ שׁוּלֶע אִין אַ גֶעוִויסֶע גֶעגְנְט אוּן דִי לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל פוּן שׁוּלֶע עֶר זָאל מְסַדֵר זַיין דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אִינְטֶערֶעס צוּ הָאבְּן נָאךְ אַ שׁוּלֶע; אָדֶער שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק דִי שׁוּלֶע וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָדֶער דַארְף מֶען דָאס פַארְמַאכְן וִוי שְׁנֶעלֶער".**

### וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין אַ כִּתָּה?

וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה? מִיטְן מוֹיל, דוּרְךְ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף שֵׁיין זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט.

דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵד אִיז דָאס זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט, נָאר בְּלַייבְּן רוּאִיג אוּן בַּאהַאנְדְלֶען דִי מַצָב מִיט מֹחַ, נִישְׁט מִיט גֶעפִיל, אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ כַּעַס פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט; וִוי מֶער מֶען הָאט אֱמוּנָה אִין זִיךְ - אַלְץ מֶער קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי דִיסְצִיפְּלִין אִין כִּתָּה.

שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער - הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס וַוייזְט נָאר אוֹיף פַארְלוֹירְנְקֵייט; אוֹיסֶער וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אוּן עֶס אִיז נָאר אוֹיסֶערְלִיךְ, דָאס מֵיינְט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ שְׁרֵיי וַוייל עֶר ווִיל אוֹיפְשָׁאקְלֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר אִינֶעוֵוייניג פְרֵיילִיךְ.

עֶס אִיז דָא אַ סִימָן צוּ בַּאמֶערְקְן אוֹיבּ דָאס שְׁרֵייעֶן אִיז נָאר אוֹיסֶערְלִיךְ: אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד קֶען גְלַייךְ נָאכְן שְׁרֵייעֶן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן אָנְשְׁטֶעל אוּן גֶעמַאכְט.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער לְשֵׁם שָׁמַיִם, דָאס מֵיינְט אַז מֶען קוּמְט אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער מִיטְן צִיל זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ בְּרָכָה מֶען זָאל זֶען נַחַת בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

## בְּרִיְוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### זָאל אִיךְ לֵייגְן אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז אִין גֶעוִויסֶע פְּלֶעצֶער טוּט מֶען זִיךְ אוֹיף אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַזַא שְׁטוּפֶּענִישׁ, מַמָשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אָבֶער בַּיי אוּנְז אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁטָא דִי גְרוֹיסֶע שְׁטוּפֶּענִישׁ, אָבֶער עֶס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

זַייעֶנְדִיג אַ מְלַמֵד גֵייעֶן מִיר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען "שָׁרָשִׁים וְשִׁמוּשִׁים", דָאס מֵיינְט אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, צוּ צֶעטֵיילְן דִי וֶוערְטֶער אִין חֲלָקִים לוֹיט דִי שׁוֹרֶשׁ, אוּן דֶערְנָאךְ דִי שִׁמוּשִׁים בֶּעפָאר אוּן דֶערְנָאךְ. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דָא וָואס קְרִיגְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם מְהַלֵךְ אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיין אוֹיפְכַאפְּן לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פוּנְקְט וִוי עֶר כַאפְּט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶר וֶוערְט נָאר צֶעמִישְׁט פוּן לֶערְנֶען דִי שָׁרָשִׁים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייעֶנְדִיג אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער דַארְף אִיךְ דָאס מְמַלֵא טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וָוארְט אַרַיינְצוּרֶעדְן אִין דֶעם, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם כֹּחוֹת אוּן לֵייגְן אַ דָגוּשׁ דֶערוֹיף, אָדֶער עֶס טוּן מֶער וִוי אַ טֶעכְנִישֶׁע אַרְבֶּעט וָואס דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ נֵייגֶעְרִיג אוֹיבּ אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז דָא דֶער סָארְט לִימוּד מִיט דִי קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר לֶערְנֶען דִי אַלְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין שׁוּם נֵייעֶ זַאכְן.

דוּ לֵייג אַ דָגוּשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר וואוּיל - נָאר אַז עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט דַעַת דֶער הָאט אַלֶעס, "דְלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּי הּ", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת - הָאט גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז דַעַת? אֱמוּנָה; דֶער וָואס וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּן אִים - דָאס אִיז דַעַת; אוֹיבּ הָאט מֶען דִי פִּינְטֶעלֶע דַעַת - הָאט מֶען שׁוֹין סַיי וִוי אַלֶעס.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זָאל דָאס זַיין דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל: אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְט אַרַיינְבְּרָאקְן אִין זֵיי לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טָאג אִין חֵדֶר אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט; דַאוֶונֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁרַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר זֵיי, אָבֶער אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט אֵיין צִיל: זֵיי זָאלְן וִויסְן עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!

אַז מֶען הֵייסְט דִיר לֶערְנֶען שְׁרָשִׁים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עִיקָר. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וִויל לֶערְנֶען דִקְדוּק מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז זִיכֶער אִיבְּרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "בִּשְׁבִיל זֶה עָזְבוּ הָעוֹלָם חָכְמוֹת הַדִקְדוּק וְאֵינָם עוֹסְקִים בּוֹ כְּלָל. כִּי דִקְדוּק אֵין צְרִיכִין כְּלָל", דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט פוּן לֶערְנֶען דִקְדוּק, וַוייל עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת נשא, שנת תשפ"ב)

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד וֵויינְט אַסַאךְ בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קְלֵיין טָאכְטֶער פוּן דְרַיי יָאר אַלְט וֶועקְט זִיךְ אוֹיף כִּמְעַט יֶעדֶע נַאכְט אוּן וֵויינְט גָאר אַסַאךְ, בִּיז מֶען קֶען אִיר עֶנְדְלִיךְ בַּארוּאִיגְן זִי זָאל צוּרִיק אַיינְשְׁלָאפְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג דִי גַאנְצֶע נַאכְט?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קִינְד פוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ לוֹיטְן רֶבִּי'ן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט קוּשְׁן, נָאר זִיךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן וֵויינְט - זָאלְסְטוּ מִיט וֵויינֶען מִיטְן קִינְד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים ווִילְן דָאךְ מְקַיֵּם זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שא; לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמט) מֶען זָאל זָאגְן בַּיינַאכְט תִּקּוּן חֲצוֹת; וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועקְן זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַ סְגֻלָּה פַאר בַּעֲלֵי בַּתִּים וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אַיינְקוֹיפְן, אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ סֵפֶר, אַ מִשְׁנָיוֹת וְכַדוֹמֶה אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען - וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זִיכֶער מַאכְן עֶס זָאלְן קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַיינְקוֹיפְן, אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען. דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט, עֶס וֵויינְט אוּן וִויל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיטְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין צָרוֹת; בֶּעט מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דַיין קִינְד שְׁנֶעל אַיינְשְׁלָאפְן, אַבִּי דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּרִיק גֵיין שְׁלָאפְן.

בְּנוֹגֵעַ קוּשְׁן קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד קוּשְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט"; אָבֶער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי מֶען זָאל צֶערְטְלֶען דִי קִינְדֶער; וַוייל וִוי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, שְׁלָאגְט מֶען דָאס קִינְד וֶוען עֶס אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שמיני, שנת תשפ"א)

## קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַרוֹיס אִין מַיין פָאסְטְן, סְפֶּעצִיעֶל בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה יֶעדֶע וָואךְ מִיטְן גִלָּיוֹן "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ", אַזוֹיפִיל גוּטֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אִין חִינוּךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז אִיךְ זָאג פַאר דִי קִינְדֶער נָאר זַאכְן וָואס אִיךְ אַלֵיין הַאלְט דֶערְבֵּיי, אָבֶער דָאס מַאכְט מִיר אַ פְּרָאבְּלֶעם בַּיי גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ אַלֵיין טוּ עֶס נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פָּאפֶּעְר אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי הֵייסְן טוּן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ זָאג זֵיי מוּסָר אַז מֶען דַארְף דַאוֶונֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן נִישְׁט אַרוּמְשְׁפַּאצִירְן בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם דֶערְוַוייל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אִיךְ דַאוֶונְן מִיט דִי קִינְדֶער, דַאוֶונְן אִיךְ שְׁטַייטְלִיךְ, אָבֶער וֶוען אִיךְ דַאוֶונְן צוּפְרִי אִין שׁוּל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד צוּם דַאוֶונֶען, אִיךְ קוּם אָן שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶונֶען אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פְרִי, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל קָאנְצֶעְנְטְרִירְן אוֹיפְן דַאוֶונֶען; אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט,

# בְּרִיוון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דָאס אִיז דֶערְוַוייל דִי מְצִיאוּת.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן דַאוֶוענֶען, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן אוֹיף אַן אֶמֶתְ'ן וֶועג; אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רֶעדְן הוֹיךְ אַזוֹי וִוי צוּ מִיר אַלֵיין אַז אַזוֹי דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעט עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן שְׁפַּאצִירְן אַרוּם בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיז דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁלֶעכְט אַיינְגֶעוואוֹינְט, אָבֶער דֶער אֶמֶת'עֶר וֶועג אִיז יָא צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ?

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי דִי נוֹשֵׂא פוּן דַאוֶוענֶען, עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר אוֹיס בַּיי יֶעדֶע צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אוֹיף דֶעם, אָבֶער אִיךְ אַלֵיין בִּין וַוייט פוּן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה, וֶועט דָאס אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו) דוּרְךְ רֶעדְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה - צוּ אַנְדֶערֶע - פּוֹעֵל'ט עֶס אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין", אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵק זַיין אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "עֵצָה לָזֶה", אִיז דִי עֵצָה, "שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים", עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, "וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן - וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָק.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מְלַמֵד הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי פְּרֵידָא וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד:), רֶבִּי פְּרֵידָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אִים, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, רֶבִּי פְּרֵידָא מִיט זַיין גְרוֹיס סַבְלָנוּת הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז פִיר הוּנְדֶערְט מָאל. אֵיין מָאל הָאט רֶבִּי פְּרֵידָא גֶעזֶען אַז דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֲפִילוּ בַּיי פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, פְרֶעגְט עֶר אִים: "הָאִידָנָא מַאי שְׁנָא", וָואס אִיז יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכַאלְץ נִישְׁט? זָאגְט דֶער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אִיךְ זֶע אַז דֶער רֶבִּי יָאגְט זִיךְ צוּ גֵיין, טְרַאכְט אִיךְ אַגַאנְצְן צַייט אַז יֶעצְט גֵייט שׁוֹין דֶער רֶבִּי מִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, הָאט רֶבִּי פְּרֵידָא אִים גֶעזָאגְט: "הַב דַעְתֵּךְ וְאֶתְנֵי לִיךְ", לֵייג צוּ קָאפּ אוּן אִיךְ וֶועל דִיר לֶערְנֶען, "הֲדַר תַּנָא לֵיהּ אַרְבַּע מֵאָה זִימְנֵי", עֶר הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעלֶערְנְט פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט יָאר אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון פַאר דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן אוֹיבּ עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵד, פְרֶעגְט אִים דֶער גָאוֹן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט", פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס אָפְּגֶעלָאזְט?" זָאגְט עֶר: "מֶען הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בַּאגְלֵייבְּטֶער", זָאגְט אִים רֶבִּי מֵאִיר: "וֶוער נִישְׁט קַיין מְלַמֵד; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט שֶׁחְטְ'ן קֶעלְבְּלֶעךְ וִוילְסְטוּ גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!" זֶעט מֶען אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אוּן צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, דוּ לֵייג אַריין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן צוּפְלַאקֶערְט צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אוֹיךְ דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, וִויל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, בִּפְרַט וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת משפטים, שנת תשפ"ד)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876